NEW

# לקוטי שיחות

BO בא

VOLUME 1, P. 127-132

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# BO I | בא א

Adapted from a *sichah* delivered on *Acharon shel Pesach,* 5712 (1952)

## Introduction

Some of us excel at empathy – sensing others' needs, speaking gently, meeting people where they are. Others have strength as their gift – the ability to take a stand, speak truth without flinching, hold firm when compromise would be easier.

Rarely do we find both qualities in one person. And even when someone possesses both, one quality tends to dominate – it is the go-to response that shapes that person's approach. To express two opposite qualities with equal intensity, each at full strength when the moment demands it, is unique, something infrequently seen.

In the *sichah* that follows, the Rebbe presents a model that transcends this either/or approach. He points to the Jews' conduct before the Exodus – they were bold enough to hold sheep, Egypt's deity, for days, declaring openly their intent to slaughter them. Yet he also describes an approach of patient outreach – working with others with infinite patience, ascribing their failure to responsd to one's own faults. Herein lies the paradox. Boldness typically stems from ego, yet here it is being expressed without a sense of self.

Such a synthesis has profound implications. In a personal sense, it is precisely what the Exodus from Egypt involves. Egypt (מצרים) is identified with boundaries and limitations. When a person – and a nation – are not confined to one character trait and can combine opposites in G-d's service, they have transcended the confines of their ordinary nature, achieving an internal state of redemption. This prepares them to be redeemed in actual fact.

# Inner Strength – The Catalyst for Redemption

## Evoking Our Inner Power

**1. This week's Torah reading relates that G-d commanded** the Jewish people **to take a sheep on the tenth of Nissan and keep it in their homes for several days. On the fourteenth day** of Nissan, **they were to slaughter it and offer it as a Pesach sacrifice.**[1]

**Why did the Jews have to take the sheep on the tenth** of Nissan? **Our Sages**[2] **relate that when the Egyptians would see the Jews keeping sheep in their homes, they would ask** why they were doing that. **The Jews would not be fazed and would answer that they were keeping the sheep to slaughter it and to offer it as a sacrifice** to G-d.

Now, **the Egyptians worshiped sheep; they deified that animal. (For this reason,** later in the narrative, **Moshe told Pharaoh, "Will we slaughter** the deity of the Egyptians… **and they not stone us?")**[3] **Nevertheless, G-d commanded the Jews to hold the sheep in their homes for four days** so that **the Egyptians would ask** and **the Jews would answer that they were intending to slaughter the sheep and offer it as a sacrifice to G-d.**

**The** inner **strength and** ***mesiras nefesh*** **(self-sacrifice) that the Jews possessed not to be daunted by the Egyptians brought about the redemption. As our Sages**[4] **relate, at the**

א. אִין הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה דֶערְצֵיילְט דִי תּוֹרָה, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל נֶעמֶען אַ שֶׁעפְּס דֶעם צֶענְטְן טָאג אִין נִיסָן, הַאלְטְן אִים עֶטְלֶעכֶע טֶעג אִין שְׁטוּבּ, אוּן דֶעם פֶערְצֶענְטְן טָאג שֶׁעכְטְן אִים אוּן מַקְרִיב זַיְין פַאר אַ קָרְבַּן פֶּסַח.

צוּלִיבּ ווָאס הָאט מֶען גֶעדַארְפְט נֶעמֶען דֶעם שֶׂה דֶעם צֶענְטֶען טָאג? - זָאגְן דִי רַז"ל: בִּכְדֵי אַז ווֶען דִי מִצְרִיִּים ווֶעלְן זֶען בַּא אִידְן דֶעם שֶׁעפְּס, אוּן ווֶעלְן פְרֶעגְן, נָאךְ ווָאס הַאלְט אִיר אִים אִין הוֹיז, זָאלְן דִי אִידְן נִיט נִתְפָּעֵל ווֶערְן אוּן עֶנְטְפֶערְן: מִיר הַאלְטְן דֶעם שֶׁעפְּס אִין הוֹיז אוֹיף צוּ שֶׁעכְטְן אִים אוּן מַקְרִיב זַיְין פַאר אַ קָרְבָּן.

דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעדִינְט צוּ אַ שֶׁעפְּס, דָאס אִיז גֶעווֶען זֵייעֶר עֲבוֹדָה זָרָה, (דֶערְפַאר הָאט דָאךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט צוּ פַּרְעֹה'ן, הֵן נִזְבַּח גו' וְלֹא יִסְקְלוּנוּ גו'), פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעהֵייסְן, הַאלְטְן דֶעם שֶׁעפְּס פִיר טֶעג אִין שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיף דִי פְרַאגֶעס פוּן דִי מִצְרִיִּים, זָאלְן זֵיי עֶנְטְפֶערְן, מִיר ווֶעלְן דָאס שֶׁעכְטְן אוּן מַקְרִיב זַיְין צוּ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער תּוֹקֶף - דִי שְׁטַארְקַיְיט - אוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ ווָאס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אוֹיף נִיט נִתְפָּעֵל ווֶערְן פוּן דִי מִצְרִיִּים, הָאט גֶעבְּרַאכְט דִי גְאוּלָה. ווִי דִי רַז"ל זָאגְן,

1. *Shmos* 12:3-6.

2. See *Zohar,* Vol. III, p. 251a-b. *Rabboseinu Baalei HaTosafos, Shmos* 12:3; *Tur* and the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 430:1.

3. *Shmos* 8:22.

4. *Mechilta, Rashi* on *Shmos* 12:6.

**time of the Exodus from Egypt, the Jews were "naked of *mitzvos,*"** as alluded to **in the verse,**[5] **"but you were naked and bare."** Similarly, at the splitting of the Sea of Reeds, the angels argued, **"These [the Egyptians,] and these [the Jews,] are worshipers of false deities."**[6] **Therefore, G-d gave** the Jews **the *mitzvah* of the Pesach sacrifice. In the merit of** fulfilling **that *mitzvah* with *mesiras nefesh,*** the Jews **were redeemed from Egypt.**

אַז בְּשַׁעַת יְצִיאַת מִצְרַיִם זַיְינֶען גֶעוֶוען דִי אִידְן נַאקֶעט פוּן מִצְוֹת, אוּן ווִי עֶס שְׁטֵייט וְאַתְּ עֵרוֹם וְעֶרְיָה, אוּן הַלָּלוּ עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה וְהַלָּלוּ עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה, הָאט זֵיי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן אִין זְכוּת פוּן דֶער מִצְוָה מִיט דֶעם מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דֶערְבַּיי, זַיְינֶען זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן מִצְרַיִם.

## A Mirror Image

**2. It is written** that G-d promised,[7] **"As in the days of your Exodus from Egypt, I will show** [My people] **wonders." This means that the redemption from Egypt corresponds to the Future Redemption. As is well known, when the Torah draws a parallel between two subjects, all of the particular details of the subjects compared correspond to each other.**[8] **Thus, since the Torah cites this correspondence, it follows that the factors that brought about the Exodus from Egypt will also bring about the Future Redemption.**

Since **the Exodus from Egypt was brought about through** the expression of inner **strength and *mesiras nefesh,* the Future Redemption will also come about through** the Jews **acting with** inner **strength and *mesiras nefesh.***

ב. עֶס שְׁטֵייט[א], כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת. דָאס הֵייסְט אַז גְאוּלַּת מִצְרַיִם אִיז אַ מָשָׁל אוֹיף דֶער גְאוּלָּה פוּן לֶעָתִיד. וִוִיבַּאלְד אַז סְ׳אִיז אַ מָשָׁל פוּן תּוֹרָה, אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז דִי עִנְיָנִים וָואס הָאבְּן גֶעבְּרַאכְט יְצִיאַת מִצְרַיִם, וֶועלְן אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָּה הָעֲתִידָה. כְּיָדוּעַ, אַז אִין אַ מָשָׁל פוּן תּוֹרָה זַיְינֶען אַלֶע פְּרָטֵי הַמָּשָׁל צוּגֶעפַּאסְט צוּ דֶעם נִמְשָׁל[ב].

אַזוֹי ווִי יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ תּוֹקֶף - שְׁטַארְקַיְיט - אוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ דִי גְאוּלָּה הָעֲתִידָה וֶועט קוּמֶען דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען וֶועט גֵיין מִיט תּוֹקֶף אוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ.

## Gentle, but Forceful Outreach

**3. If all the *mitzvos* must be fulfilled with strength** and resolve, **how much more so** does this apply regarding **the *mitzvah*** of ***ahavas Yisrael,*** **loving a fellow Jew – the foundation of the entire Torah.**[9] **Certainly, we should fulfill** that *mitzvah* **with strength** and resolve, **without being swayed by anyone** or hindered by any obstacle.

ג. אוֹיבּ אַלֶע מִצְוֹת דַארְף מֶען טָאן מִיט אַ תּוֹקֶף, מִכָּל שֶׁכֵּן אַז דִי מִצְוָה פוּן אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל - יְסוֹד כָּל הַתּוֹרָה[ג], דַארְף מֶען אַוַדַּאי טָאן מִיט אַ תּוֹקֶף, אוּן פוּן קֵיינֶעם נִיט נִתְפָּעֵל וֶוערְן.

---

5. *Yechezkel* 16:7.

6. See *Zohar,* Vol. II, p. 170b; *Mechilta, Shmos* 14:28-29.

7. ***Michah*** **7:15.**

8. **See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 118.**

9. ***Shabbos*** **31a;** ***Tanya,*** **ch. 32.**

**We must speak with** our fellow **Jews about the Torah and its *mitzvos*.** Even **if** these words **have no effect, we must speak** with them **again. Even if the other person objects** and responds brusquely, **we should not be deterred. On the contrary, the fact that he responds in this manner is proof**[10] **that the issue moves him. Therefore, we must speak with him again and again until he is won over.**

**We must proceed forcefully,** with inner resolve. **True, we have to speak gently, in a manner that will** enable our words to **be accepted – to quote my revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz,[11] **“There is no need to rip off the other’s nose” – but** our words **should be** spoken **firmly. And when we speak gently but firmly, we will be successful.**

**If we have not yet been successful, we must realize that the fault is not with the other person, but with us. The other person is** fundamentally **good.** Our Rabbis[12] taught, “Words that come from the heart will **enter the heart.**” If we see that **the second half** of the adage **is not being fulfilled** – the other person is not taking our words to heart – that is a sign that our **words are not** yet **coming from the heart. We must say a chapter of *Tehillim*** **(Psalms)** with a prayer **that our words come from the heart and, as a matter of course, they will enter the** other’s **heart.**

מֶען דַארְף רֵיידְן מִיט אַ אִידְן וֶועגְן תּוֹרָה וּמִצְווֹת, אוּן אוֹיבּ עֶס פּוֹעֶל'ט נִיט, דַארְף מֶען רֵיידְן נָאךְ אַמָאל. אוֹיבּ אֲפִילוּ יֶענֶער "בְּרִיקֶעט" זִיךְ, דַארְף מֶען אוֹיךְ נִיט נִתְפָּעֵל וֶוערְן, אַדְרַבָּה, פוּן דֶעם וָואס עֶר בְּרִיקֶעט זִיךְ, אִיז אַ רְאָיָה[י], אַז אִים רִירְט עֶס אָן. בְּמֵילָא דַארְף מֶען רֵיידְן מִיט אִים נָאךְ אַמָאל אוּן נָאךְ אַמָאל, בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ בַּיי אִים צוּנֶעמֶען.

מֶען דַארְף גֵיין מִיט אַ תּוֹקֶף. מֶען דַארְף טַאקֶע רֵיידְן בְּדִבְרֵי נַחַת כְּדֵי עֶס זָאל נִתְקַבֵּל וֶוערְן, (וּכְפִתְגַם כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר: מֶען דַארְף יֶענֶעם נִיט אַרָאפְּרַייסְן דֶעם נָאז) אָבֶּער - מִיט אַ תּוֹקֶף. אוּן אַז מֶען וֶועט רֵיידְן בְּנַחַת וּבְתוֹקֶף, וֶועט מֶען מַצְלִיחַ זַיְין.

אוּן דָאס וָואס דֶערְוַויְיל הָאט עֶר נִיט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דִי שׁוּלְד אִיז נִיט אִין יֶענֶעם נָאר אִין אִים. יֶענֶער אִיז גוּט, נָאר בַּא אִים זַיְינֶען דָאס נִיט קֵיין דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב, - דֶערְפַאר אִיז נִיטָא דִי צְווֵייטֶע הַאלְבֶּע - נִכְנָסִים אֶל הַלֵּב. עֶר דַארְף זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים עֶס זָאל זַיְין יוֹצְאִים מִן הַלֵּב, וּבְמֵילָא וֶועט זַיְין - נִכְנָסִים אֶל הַלֵּב.

## Not Past History

**4. At the time of the Exodus, the Jews’** inner **strength –** demonstrated by the fact that they were not **affected by the Egyptians – enabled them to leave Egypt.** Moreover, not only did they achieve their freedom, **they** were able to **take with them the Egyptians’ silver and gold,**[13] **and,** ultimately, all **the Egyptians were drowned** in the sea, **“there**

ד. אוּן אַזוֹי וִוי בְּשַׁעַת יְצִיאַת מִצְרַיִם, אִיז דוּרְךְ דֶעם תּוֹקֶף פוּן דִי אִידְן וָואס זֵיי זַיְינֶען נִיט נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי מִצְרִיִּים, זַיְינֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן אוֹיךְ מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ דִי כֶּסֶף וְזָהָב פוּן דִי מִצְרִיִּים, אוּן דִי מִצְרִיִּים זַיְינֶען אַלֶע דֶערְטְרוּנְקֶען גֶעוָוארְן, וִוי

10. **See *Kuntreis HaTefilah,* ch. 8; *Toras Shalom,* p. 10,** where it is explained that such a response is a sign – albeit misdirected – of life and vitality.

11. See also *Sefer HaSichos 5705,* p. 42.

12. Rabbeinu Tam, *Sefer HaYashar, shaar* 13, quoted by *Shalah*, p. 69a.

13. See *Shmos* 12:35ff.

**remained of them only one."[14] Even that one, Pharaoh, who did remain, later went to Nineveh and also suffered difficulties there.[15]**

**The same is true now. When we proceed forcefully, with *mesiras nefesh,* without being deterred by anyone, all opposition will be eliminated, and the Future Redemption will be manifest speedily in our days.**

עֶס שְׁטֵייט לֹא נִשְׁאַר בָּהֶם עַד אֶחָד, אוּן אוֹיךְ דֶער אֵיינֶער - פַּרְעֹה - וָואס אִיז יָא גֶעבְּלִיבְּן, אִיז עֶר דֶערְנָאךְ גֶעקוּמֶען אִין נִינְוֵה אוּן אוֹיךְ דָארְטְן הָאט עֶר גֶעהַאט צָרוֹת[ה];

אַזוֹי אוֹיךְ אִיצְטֶער, וָוען מֶען וֶועט גֵיין מִיט אַ תּוֹקֶף אוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ, נִיט נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן קֵיינֶעם, וֶועלְן אַלֶע מְנַגְּדִים בָּטֵל וֶוערְן, אוּן עֶס וֶועט זַיְין דִי גְאוּלָּה הָעֲתִידָה בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

(משיחת אחרון של פסח, תשי"ב)

---

14. *Shmos* 14:28. See the interpretation of *Rabboseinu Baalei HaTosafos* on that source. The verse is being translated according to the context it is used in the main text.

15. ***Yalkut Shimoni, Nach, remez* 550.**

---

א) מיכה ז, טו.
ב) זע לקו"ש ח"א עמוד 118.
ג) שבת לא, א. תניא פרק לב.
ד) זע קונטרס התפלה פ"ח. תורת שלום ע' 10.
ה) ילקוט שמעוני נ"ך רמז תקנ.

# BO II | בא ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Vayakheil-Pekudei,* 5712 (1952)

## Introduction

As we follow this week's Torah reading, the Pesach festival comes to mind. Although the festival is months away, the story of the Exodus and our celebration of the holiday are inseparable in our minds. Two practices are central to that celebration: ridding our homes of *chametz* and eating *matzah*.

The paradox is striking. Both are made from flour and water. The only difference is that the dough of *chametz* is given the time to rise, while that of *matzah* is baked immediately. Despite their resemblance, the Torah treats them as polar opposites, commanding us to destroy every trace of one while making the other a centerpiece of our celebration.

The *sichah* that follows explores this contrast, but not on a technical level. Rather, it translates the distinction between *chametz* and *matzah* into conflicting dynamics within the human soul, showing us two fundamentally different ways of engaging with ourselves, with others, and with G-d.

# Chametz to *Matzah* – a Paradigm Shift

## Three *Mitzvos* – Each with Its Own Standing

1. *Parshas HaChodesh,*[1] the passage commanding the Jewish people to establish the calendar and offer the Pesach sacrifice, **also includes the *mitzvah* of eating *matzah,*** as it is written,[2] **"You shall eat *matzah* for seven days."**

In contrast to the *mitzvah* of eating *maror,* **the *mitzvah* of eating *matzah* remains a Scriptural command even in the present era.**

**On the whole, there are three fundamental** *mitzvos* associated with the first night of **Pesach:**[3] **the Pesach sacrifice, *matzah,* and *maror.* At present, for the Pesach sacrifice,** all that remains is a verbal remembrance, as it is written,[4] **"We will compensate for [the sacrifice of] bulls by [the prayers of] our lips." The *mitzvah* of eating *maror* is only a Rabbinic ordinance. However, the *mitzvah* of eating *matzah* has the status of a Scriptural command even in the present age.**[5] Accordingly, it deserves greater focus.

א. אִין פַּרְשַׁת הַחֹדֶשׁ, אִיז אוֹיךְ דָא דִי מִצְוָה פוּן אֲכִילַת מַצָּה - שִׁבְעַת יָמִים מַצּוֹת תֹּאכֵלוּ.

דִי מִצְוָה פוּן אֲכִילַת מַצָּה אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיךְ בִּזְמַן הַזֶּה מִדְּאוֹרַיְיתָא.

בִּכְלָל זַיְינֶען פַאראַן דְרַיי הוֹיפְּט עִנְיָנִים אִין פֶּסַח: פֶּסַח, מַצָּה, וּמָרוֹר. וּבִזְמַן הַזֶּה, אִיז פֶּסַח מֶער נִיט ווִי - וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ. מִצְוַת אֲכִילַת מָרוֹר - אִיז נָאר מִדְּרַבָּנָן, אָבֶּער מִצְוַת אֲכִילַת מַצָּה אִיז אוֹיךְ בִּזְמַן הַזֶּה מִדְּאוֹרַיְיתָא[1].

## Two Words, Two Differences

2. **There are two distinctions between *chametz* and *matzah:***

**a) The dough** which **rises** is termed ***chametz,* while the dough of *matzah* remains as is;** it lies flat. **In spiritual terms, *chametz*** **alludes to *yeshus*** (self-concern) **and feelings of superiority, while *matzah* points to *bittul*** **(self-nullification).**

ב. דֶער חִילוּק פוּן חָמֵץ מִיט מַצָּה, אִיז אִין צְווֵיי עִנְיָנִים:

א) בַּיי חָמֵץ הוֹיבְּט זִיךְ אוֹיף דֶער טֵייג, בַּיי מַצָּה בְּלַייבְּט דֶער טֵייג ווִי עֶר אִיז. אוּן אִין רוּחְנִיוּת מֵיינְט דָאס: חָמֵץ - יֵשׁוּת וְהִתְנַשְּׂאוּת. מַצָּה - בִּיטוּל.

---

1. *Shmos* 12:2 ff.

2. Ibid. 12:15.

3. See *Pesachim* 116b.

4. *Hoshea* 14:3, recited daily only during the weekdays after reading the passages concerning the sacrifices. The intent is that by studying the laws of sacrifices – or at the very least recalling how they were offered – we compensate for the actual sacrifice.

5. See *Shulchan Aruch,* **Orach Chayim, sec. 475;** the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 475:15.

**For this reason, the primary aspect of *matzah* is that it is *lechem oni* ("poor-man's bread") since *matzah* is identified with *bittul,* which is specifically expressed in "poor-man's bread." True, it is permitted to eat "rich *matzah*"[6]** on Pesach. **However, the *mitzvah* of eating *matzah* may only be fulfilled with poor-man's bread.**[7]

**Similarly, the *matzah* the Jews ate in Egypt was poor-man's bread.**

**b)** The words ***matzah* and *chametz* are formed by the same letters except that *matzah* (מצה) has a *hei* (ה) and *chametz* (חמץ) a *ches* (ח).** The letters ***hei* and *ches* appear similar. Both have three lines and are open on the bottom.** The only difference between them is that the ***ches* is closed entirely on all three sides, while the *hei* is open at the upper** left corner.

**The opening on the bottom of both letters** alludes to the verse,[8] **"Sin crouches at the entrance."** The fact that **the *ches* is closed on all three sides indicates that there is no way to avoid the "sin crouch[ing] at the entrance."** The opening in the **upper** corner **of the letter *hei* indicates that although** a person may **find himself in a situation where "sin crouches at the entrance," he has an opening from above** through which **he can extricate himself from his situation and do *teshuvah.***[9]

**Even though it is merely a small opening, our Sages**[10] figuratively quote G-d as saying, **"Make an opening for Me as [small as] a needlepoint and [because of that,] I will make an opening for you as [wide as] the opening to the Entrance Hall** [of the *Beis HaMikdash*]." Indeed, **in one moment, with one thought of *teshuvah,*** a person can

דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקַר עִנְיָן פוּן מַצָּה, לֶחֶם עֹנִי דַוְקָא, ווַיְיל דֶער עִנְיָן פוּן מַצָּה אִיז בִּיטוּל, אוּן דָאס דְרִיקְט זִיךְ אוֹיס אִין לֶחֶם עֹנִי דַוְקָא. הֲגַם אַז עֶסְן מֶעג מֶען אוֹיךְ מַצָּה עֲשִׁירָה, אָבֶּער יוֹצֵא זַיְין מִצְוַת אֲכִילַת מַצָּה קֶען מֶען נָאר מִיט לֶחֶם עֹנִי[ז].

אוֹיךְ דִי מַצָּה ווָאס אִידְן הָאבְּן גֶעגֶעסְן אִין מִצְרַיִם, אִיז גֶעווֶען לֶחֶם עֹנִי.

ב) מַצָּה אוּן חָמֵץ זַיְינֶען צוּזַאמֶענְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת, נָאר מַצָּה אִיז מִיט אַ הֵ"א, אוּן חָמֵץ - מִיט אַ חֵי"ת.

דֶער אוֹת הֵ"א אִיז עֶנְלֶעךְ צוּם אוֹת חֵי"ת. בֵּיידֶע זַיְינֶען פוּן דְרַיי קַוִין (פַּאסִיקְלֶעךְ) אוּן זַיְינֶען אָפְן פוּן אוּנְטְן. דֶער חִילּוּק אִיז נָאר, אַז אַ חֵי"ת אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע דְרַיי זַיְיטְן אִינְגַאנְצְן, אוּן אַ הֵ"א הָאט אַן עֶפֶענוּנְג פוּן אוֹיבְּן.

דִי עֶפֶענוּנְג פוּן אוּנְטְן (אִין בֵּיידֶע אוֹתִיּוֹת) מֵיינְט: לַפֶּתַח חַטָּאת רוֹבֵץ. דִי פַארְמַאכוּנְג פוּן דִי אַלֶע זַיְיטְן - אִין אוֹת חֵי"ת - מֵיינְט: עֶס אִיז נִיטָא קֵיין אָרְט אוֹיף אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם לַפֶּתַח חַטָּאת רוֹבֵץ. דִי עֶפֶענוּנְג פוּן אוֹיבְּן, - אִין אוֹת הֵ"א - מֵיינְט: עֶר אִיז טַאקֶע אִין אַ מַצָּב פוּן לַפֶּתַח חַטָּאת רוֹבֵץ, עֶר הָאט אָבֶּער אַ פֶּתַח לְמַעְלָה - אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיְין מַצָּב אוּן תְּשׁוּבָה טָאן[ח].

אוּן כָאטשׁ עֶס אִיז אַ קְלֵיינֶער פֶּתַח, דָאךְ זָאגְן אָבֶּער דִי רַזַ"ל: פִּתְחוּ לִי כְּחוּדוֹ שֶׁל מַחַט - אוּן דוּרְךְ דֶעם - וַאֲנִי אֶפְתַּח לָכֶם כְּפִתְחוֹ שֶׁל אוּלָם. ווָארוּם דוּרְךְ אֵיין הִרְהוּר תְּשׁוּבָה קֶען ווֶערְן אִין אֵיין רֶגַע -

6. "Rich *matzah*" refers to *matzah* made with fruit juice or flavored in other ways and also *matzah* made in a manner befitting a man of means. See the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch,* secs. 454 and 462:6.

7. **See** *Shulchan Aruch,* ***Orach Chayim,* sec. 454;** the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch,* sec. 454:4ff, 455:33.

8. *Bereishis* 4:7.

**9. See *Menachos* 29b.**

10. See *Shir HaShirim Rabbah* 5:2 (2). The version in the main text is the way this saying is quoted often in *Chassidus.* However, there is no exact source in the works of our Sages with that exact wording. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 191, footnote 17.

פון אַ רָשָׁע גָּמוּר אַ צַדִּיק גָּמוּר[ט].

radically change his standing, transforming himself **from an utterly wicked man into a complete *tzadik.***[11]

## Who Will Look in the Mirror?

ג. די צְוֵויי חִילוּקִים זַיְינֶען אָפְּהֶענְגִיק אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן, בְּשַׁעַת מֶען אִיז בָּטֵל, אִיז אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם גֶעזִינְדִיקְט, טְרַאכְט מֶען וֶועגְן תְּשׁוּבָה, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז בְּיֵשׁוּת וְהִתְנַשְּׂאוּת, טְרַאכְט מֶען נִיט וֶועגְן תְּשׁוּבָה.

**3. These two distinctions** between *chametz* and *matzah* **are dependent on each other. When** a person **is *batel,* then, even if he sinned, he will think of *teshuvah.*** By **contrast,** a person **characterized by self-concern and feelings of superiority will not think of *teshuvah.***

וֶוען עֶר אִיז בָּטֵל, זוּכְט עֶר נִיט צוּ מַאכְן זִיךְ גֶערֶעכְט, בְּמֵילָא מַאכְט עֶר אַ רִיכְטִיקְן חֶשְׁבּוֹן, אוּן אַז עֶר זֶעט אַז זַיְין פִירוּנְג טוֹיג נִיט, טוּט עֶר תְּשׁוּבָה. דַאקֶעגְן מִצַּד גְרוֹיסְהַאלְטְן זִיךְ, גֶעפִינְט עֶר חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיף גֶערֶעכְט מַאכְן אַלֶע זַיְינֶע הַנְהָגוֹת[י].

**When** a person **is *batel,* he does not think of justifying** his conduct. **Accordingly, he engages in genuine self-introspection, and if he sees that the way he is conducting himself is inappropriate, he will do *teshuvah.*** By **contrast,** a person characterized by **self-aggrandization will find** all sorts of rationalizations **to justify all that he does.**[12]

## Why Not Give?

ד. נָאךְ מֶער: נִיט נָאר וָואס נָאךְ דֶעם ווִי עֶר הָאט גֶעטָאן נִיט קֵיין גוּטֶע זַאךְ, גֶעפִינְט עֶר אַ תִּירוּץ אוֹיף דֶעם וַוייְל עֶר ווִיל בְּלַיְיבְּן גֶערֶעכְט בַּא זִיךְ, נָאר אוֹיךְ בַּאלְד לְכַתְּחִלָּה בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט צוּ מְקַיֵּים זַיְין אַ מִצְוָה וָואס עֶר דַארְף זִיךְ אַ בּוֹיג טָאן, אִיז מִצַּד זַיְין גְרוֹיסְהַאלְטוּנְג, גֶעפִינְט עֶר אוֹיס חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן טַעֲמִים עֶר זָאל דָאס נִיט דַארְפְן מְקַיֵּים זַיְין.

**4.** As mentioned above, **after** a self-aggrandizing person **acts in an undesirable manner, he will find a rationalization to** defend his conduct **because he desires to justify himself in his own eyes. Moreover, at the outset, in situations where he would have to bend himself to perform a *mitzvah,*** his **pride** and haughtiness motivate him **to find** all sorts of **reasons and calculations why to avoid doing so.**

צְדָקָה אִיז דָאךְ כְּלָלוּת הַמִּצְוֹת[יא], וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם עִנְיָן אִין מִצְוַת הַצְּדָקָה אוּן פוּן דֶעם אִין אַלֶע מִצְוֹת.

By **understanding** the way such a person responds when asked to fulfill **the *mitzvah* of *tzedakah*** – which **is inclusive of all the *mitzvos***[13] – we will be able to appreciate his approach **to the others.**

בְּשַׁעַת עֶר זֶעט אַן אָרֶעמַאן, טַעֲנֶה׳ט עֶר דִי טַעֲנָה וָואס טוּרְנוּסְרוּפוּס הָאט

**When a haughty person sees a poor man, he advances the same argument that Turnus Rufus**[14]

11. See *Kiddushin* 49b.

12. See the elaboration on **this concept in** *Kuntreis U'Ma'ayon,* **discourses 15 and 16, and the** *maamar* **entitled** *Lech Lecha,* 5702.

13. *Bava Basra* 9a; *Talmud Yerushalmi, Peah* 1:1. See *Tanya,* ch. 37.

14. The Roman prefect in *Eretz Yisrael* in Rabbi Akiva's era.

**presented to Rabbi Akiva,**[15] **"If your G-d loves poor people, why does He not sustain them?" In other words, because of his feelings of superiority, he calculates that he deserves whatever he possesses; indeed, he deserves** even **more. Why then should he give up some of** what is rightfully his to someone else? **His self-concern leaves no room for another person's existence.** He feels very comfortable with **thinking that the other person is inferior to him. Accordingly,** in his mind, **it makes sense why the other person is poor – he does not deserve** anything more. **As such, he thinks: Since G-d desires – as is the just reckoning – that the other person should be poor, why should he give him** anything?

By contrast, a person **who is *batel*** takes an entirely different approach:

**a) He subjects himself to** rigid **self-examination and judgment whether he is actually more worthy than the other. That calculation motivates him to give *tzedakah.*** **As reflected by the verse,**[16] **"You have enacted judgment and charity within Yaakov,"** a person who makes an honest **judgment** and reckoning of his **own** spiritual situation will be **motivated to give *tzedakah.***[17]

**b) He understands that even if the reason the other person is lacking is due to a punishment,** nevertheless, **the fact that he himself does have – even though his own** spiritual **standing and situation are not desirable – compels him** to give to the other person. **He says** to himself that all Jews **are like G-d's children.** Now, **when a king punishes his own son and the king's friend does a favor for that son, the king is very happy.** Similarly, he should help the other Jew even though there are reasons why he is poor. This, in fact, **was Rabbi Akiva's response** to Turnus Rufus.[15]

גֶעפְרֶעגְט בַּא רַבִּי עֲקִיבָא'ן[יב], אִם אֱלֹקֵיכֶם אוֹהֵב עֲנִיִּים הוּא, מַדּוּעַ אֵינוֹ מְפַרְנְסֵם? (אוֹיבּ אַיְיעֶר גָ־ט הָאט לִיבּ אָרֶעמֶעלַיְיט, פַארְווָאס שְׁפַּיְיזְט עֶר זֵיי נִיט?) דָאס הֵייסְט אַז מִצַד זַיְין גְרוֹיסְהַאלְטְן זִיךְ, מַאכְט עֶר בַּא זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אַז דָאס וָואס עֶר פַארְמָאגְט – אִיז דָאס וַוְיל אִים קוּמְט, אוּן אַדְּרַבָּה עֶס קוּמְט אִים מֶער, אִיז ווִי אִיז שַׁיָּיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן דֶערְפוּן. יֵשׁוּת עַצְמוֹ דֶערְלָאזְט דָאךְ נִיט יֶענֶעמְס מְצִיאוּת, – לֵייגְט זִיךְ אָפּ בַּא אִים גָאר גֶעשְׁמַאק אַז דֶער צְווֵייטֶער אִיז נִיט גְלַיְיךְ צוּ אִים, אִיז בְּמֵילָא בַּיי אִים זֶעלְבְּסְטְפַארְשְׁטֶענְדְלֶעךְ, אַז דָאס וָואס דֶער צְווֵייטֶער אִיז אַן אָרֶעמַאן, אִיז דָאס וַוְיל דֶעם צְווֵייטְן קוּמְט נִיט. וּבְמֵילָא – טְרַאכְט עֶר בַּיי זִיךְ – ווִיבַּאלְד אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, ווִי דִי גֶערֶעכְטִיקַיְיט אִיז, אַז יֶענֶער זָאל זַיְין אַ עָנִי, זָאל עֶר אִים גֶעבְּן?

דַאקֶעגְן וֶוען עֶר אִיז בָּטֵל:

א) מַאכְט עֶר בַּא זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אוּן מִשְׁפָּט זִיךְ אַלֵיין, צִי אִיז עֶר טַאקֶע בֶּעסֶער פַארְן צְווֵייטְן, אוּן דֶער חֶשְׁבּוֹן בְּרֶענְגְט אִים צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב אַתָּה עָשִׂיתָ, אַז דֶער מִשְׁפָּט וָואס עֶר מַאכְט אִיבֶּער זִיךְ בְּרֶענְגְט אִים צוּ צְדָקָה.

ב) פַארְשְׁטֵייט עֶר, אַז אוֹיבּ אֲפִילוּ דָאס וָואס דֶער צְווֵייטֶער הָאט נִיט, אִיז מִצַד אַן עוֹנֶשׁ, רַחֲמָנָא לִצְלַן – אִיז דָאס וָואס עֶר הָאט יָא, נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף זַיְין אֵייגֶענֶעם נִיט גוּטְן מַצָּב וּמַעֲמָד – צְווִינְגְט דָאס אִים צוּ זָאגְן אַז מֶען אִיז בַּיְים אוֹיבֶּערְשְׁטְן ווִי קִינְדֶער אוּן בְּעֵת דֶער מֶלֶךְ שְׁטְרָאפְּט זַיְינֶעם אַן אֵייגֶענֶעם קִינְד, אוּן אַ פְּרַיְינְד פוּן מֶלֶךְ טוּט אִים אַ טוֹבָה, אִיז דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דֶעם – ווִי עֶס אִיז רַבִּי עֲקִיבָא'ס תְּשׁוּבָה.

---

**15.** ***Bava Basra*** **10a.**

16. *Tehillim* 99:4.

17. See *Torah Or,* p. 63b; *Sefer HaMaamarim 5689,* p. 90.

אוּן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אִין מִצְוַת הַצְּדָקָה, אַזוֹי אִיז אִין אַלֶע מִצְוֹת.

The contrast between the two approaches **to *tzedakah* is also** reflected **in** the approach of such people **all** other ***mitzvos.***

## Looking Through a Distorted Lens

ה. אַ חוּץ דֶעם ווָאס מִצַּד הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס, זוּכְט עֶר אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אַז עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיְין, אִיז נָאךְ מֶערֶער, אֲפִילוּ דַאן ווֶען עֶר קֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעפִינֶען קֵיין תֵּירוּץ אוּן מוּז מוֹדֶה זַיְין אַז עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף נִיט ווִי מֶען דַארְף, גֶעפִינְט עֶר אָבֶער אוֹיס פַארְשִׁידֶענֶע סִיבּוֹת ווָאס הָאבְּן אִים גֶעבְּרַאכְט צוּ דֶעם, וּבְמֵילָא בְּלַיְיבְּט עֶר אַלְץ גֶערֶעכְט בַּיי זִיךְ.

5. A person's self-concern skews his outlook regarding everything: **His** flaw of **self-aggrandizement** causes him **to find ways to justify that he is conducting himself desirably concerning every aspect** of his behavior. **Moreover, even when there is no way that he can find justification** for his conduct **and must admit that he conducts himself improperly, he finds various reasons to** explain what **motivated him to act in this manner. As such, he always finds a way to rationalize his** conduct.

עֶר טַעֲנֶה'ט פַארְשִׁידֶענֶע טַעֲנוֹת:

אוֹיף אֵיין זַאךְ טַעֲנֶה'ט עֶר אַז דָאס אִיז מִצַּד דֶעם יֵצֶר הָרָע, ווָאס יִצְרוֹ בּוֹעֵר כָּאֵשׁ - זַיְין יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט ווִי פַיְיעֶר. דִי גְמָרָא אַלֵיין זָאגְט דָאךְ[ג], אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט חֲרָטָה אוֹיף דֶעם ווָאס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, קֶען מֶען דָאךְ בַּא אִים נִיט מָאנֶען, פַארְווָאס עֶר הָאט אִים נִיט מְנַצֵּחַ גֶעווֶען. אוֹיף אַ צְווֵייטֶער זַאךְ טַעֲנֶה'ט עֶר, אַז מְקוֹמוֹ גָּרַם לוֹ לַחֲטוֹא - זַיְין אָרְט בְּרֶענְגְט אִים צוּ זִינְדִיקְן אוּן אַזוֹי וַוְיְיטֶער.

For example, **regarding one matter, he will claim it is because of the *yetzer hara* – his *yetzer hara* burns like fire.**[18] Indeed, **the Talmud**[19] **itself says that G-d regrets having created the *yetzer hara.* So how can he be asked why he did not overcome it? Regarding another matter, he will claim that** the setting in which he lives **caused him to sin;** it is not his fault. **And so on** regarding other factors.

דִי אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת ווֶעלְכֶע ווֶערְן דֶערְמָאנְט אִין תַּנְיָא[ד], אַז מֶען דַארְף מְלַמֵּד זְכוּת זַיְין אוֹיף יֶענֶעם, מַאכְט עֶר זֵיי אוֹיף זִיךְ. אוּן עֶר טְרַאכְט בַּא זִיךְ, אַז לוֹיט דִי אוּמְשְׁטֶענְדְן אִין ווֶעלְכֶע עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, אִיז נָאךְ גַאנְץ שֵׁיין אַז עֶר אִיז אַזוֹי. אַן אַנְדֶערֶער אוֹיף זַיְין אָרְט ווָאלְט גֶעווֶען ווֶער ווֵייס ווָאס.

**He advances all the arguments that *Tanya*[18] gives to judge another person favorably** to excuse **his own self. He thinks to himself that, given the situation in which he is found,** his spiritual state is entirely justified; **he is actually doing quite well. Were another person to be in his situation, who knows where he would be?**

נָאךְ מֶערֶער: אוֹיךְ ווֶען עֶר ווֵייס אַז זַיְין אוֹיפְפִירוּנְג אִיז נִיט קֵיין גוּטֶע, אוּן קֵיין סִיבּוֹת אִין ווָאס צוּ אָנְהֶענְגֶען זַיְין אוֹיפְפִירוּנְג הָאט עֶר אוֹיךְ נִיט, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן - עַל כָּל

**Even when he realizes that his conduct is not desirable and he also cannot find any justifications for his conduct, still "love covers**

18. *Tanya,* ch. 30.

19. *Sukkah* 52b.

**all flaws."**[20] (**The word** the verse uses for "flaws" is ***pesha'im,*** concerning which our Sages say,[21] "***Pesha'im*** **refers to** [**sins committed with the intent of**] **rebelling** [**against G-d**].") Were he to honestly examine his conduct, **he** would **realize that he has no excuse, and he is rebelling** against G-d. **Nevertheless, "love covers"** even these flaws. **There is no way he can** justify himself and **dismiss them, even with false arguments.** Despite that, **he glosses over them because of his self-love.**

פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה אַהֲבָה[טו]. דֶער דִיוּק פוּן דֶעם וואָרט פְּשָׁעִים אִיז: פְּשָׁעִים אֵלּוּ הַמְּרָדִים[טז] (ווִידֶערְשְׁפֶּענִיקוּנְגֶען). עֶר הָאט נִיט קֵיין פַּארְעֶנְטְפֶער, אוּן ווֵייס אַלֵיין אַז עֶר אִיז אַ מוֹרֵד, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן – תְּכַסֶּה אַהֲבָה. מְבַטֵּל זַיְין, אֲפִילוּ מִיט טַעֲנוֹת שֶׁקֶר – קֶען עֶר נִיט בְּשׁוּם אוֹפֶן, פַארְדֶעקְט עֶר דָאס מִיט אַהֲבַת עַצְמוֹ – זַיְין לִיבְּשַׁאפְט צוּ זִיךְ אַלֵיין.

## Pinpointing the Difference

**6. This is the** defining **difference between *chametz*** **and *matzah*:**

ו. אוּן דָאס אִיז דֶער חִילוּק פוּן חָמֵץ בִּיז מַצָּה:

***Chametz*** **reflects self-aggrandizement** and **is written with a *ches* that has an opening from below – "sin crouches at the opening"** – but otherwise is **enclosed on all sides. There is no opening for *teshuvah.*** **Due to** the person's pride and **feelings of superiority: a) He** will always **justify his conduct,** for in his own mind, **he is always in the right, b) he will find reasons and explanations** to rationalize any mistakes he makes, **and c) "love covers up all faults,"** even when he cannot justify himself, he will not feel regret. As a result, **he will not do *teshuvah.***

חָמֵץ אִיז זֶעלְבְּסְט־דֶערְהוֹיבּוּנְג, חָמֵץ אִיז מִיט אַ חֵי"ת, וואָס אִיז אָפְן פוּן אוּנְטְן – לַפֶּתַח חַטָּאת רוֹבֵץ, אַ סָתוּם מִכָּל צַד (פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַיְיטְן) – עֶר הָאט נִיט קֵיין פֶּתַח צוּ תְּשׁוּבָה טָאן. ווַיְיל מִצַּד הִתְנַשְּׂאוּת: א) פַארְעֶנְטְפֶערְט עֶר זַיְין פִּירוּנְג – אַז עֶס אִיז גָאר גוּט. ב) עֶר גֶעפִינְט סִיבּוֹת אוּן תִּירוּצִים אוֹיף זַיְין הַנְהָגָה. ג) עַל כָּל פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה אַהֲבָה. הַצַּד הַשָּׁוֶה – עֶר טוּט נִיט קֵיין תְּשׁוּבָה.

By contrast, ***matzah*** **is identified with *bittul*** and **is written with a *hei*** that also **has an opening from above. Because of** his ***bittul,*** the person **does not justify his conduct; he offers no rationalizations. And when he realizes that his situation is undesirable, he is broken about that.**

מַצָּה אִיז בִּיטוּל, מַצָּה אִיז מִיט אַ הֵ"א, פָּתוּחַ לְמַעְלָה, – וואָס אִיז אָפְן פוּן אוֹיבְן – ווַיְיל מִצַּד הַבִּיטוּל: א) פַארְעֶנְטְפֶערְט עֶר נִיט זַיְין הַנְהָגָה. ב) עֶר הָאט נִיט קֵיין תִּירוּצִים. ג) אוּן ווֶען עֶר זֶעט־אַיְין דֶעם נִיט גוּטְן מַצָּב אִין ווֶעלְכְן עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, אִיז עֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם.

That **brokenness** is a positive trait, **as the Rebbe Maharash**[22] **said, "A Jew's sigh… is *teshuvah ila'ah,*** "**lofty *teshuvah.***" Our Sages[23] teach that *teshuvah* can be accomplished ***besha'ah achas,*** "in one instant." ***Sha'ah*** **can also be understood as meaning**

צֶעבְּרָאכְנְקַיְיט, אִיז ווִי דֶער רֶבִּי מַהֲרַ"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: אַ אִידִישֶׁער קְרֶעכְץ אִיז תְּשׁוּבָה עִלָּאָה, וּבְמֵילָא

---

**20.** ***Mishlei*** **10:12.**

**21.** ***Yoma*** **36b.**

22. See *Likkutei Sichos,* Vol. 4, p. 620; the *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, Vol. 3, p. 551, cited in *HaYom Yom,* entry 3 Tammuz.

23. See *Avos* 4:17; *Avodah Zarah* 10b.

**"one turn."**[24] The Jew's sigh is such a turn. **With** that **sigh, he** turns to G-d in *teshuvah* and **becomes a completely righteous man.**[11]

איז אִין אֵיין שָׁעָה, מִיט אֵיין קֶער (שָׁעָה מִלָּשׁוֹן הֲפָנָה), וועֶרְט עֶר אַ צַדִּיק גָּמוּר.

## 39 – a Number with a Message

**7. On this basis, we can understand** a seemingly unrelated point: **The *Talmud Yerushalmi***[25] **derives** the idea that there are **39 labors** prohibited on *Shabbos* **from the word** אלה (*eilah*) in the phrase[26] ***eilah hadevarim*** **("these are the articles").** The Talmud states that אלה (***eilah***) **is numerically equivalent to 39,** considering **the *hei* as if it were a *ches*.**

ז. דֶערְמִיט וועֶט מֶען פַּארְשְׁטֵיין, וואָס אִין יְרוּשַׁלְמִי[ז] לֶערְנְט עֶר אָפּ דֶעם לִימּוּד פוּן ל"ט מְלָאכוֹת, פוּן דֶעם וואָרְט אֵלֶּה הַדְּבָרִים: עֶר דַּרְשְׁ'נְט דֶעם הֵ"א פוּן אֵלֶּה אַזוֹי ווִי עֶס וואָלְט גֶעוועֶן אַ חֵי"ת - בַּאטְרֶעפְט דֶער וואָרְט אֵלֶּה, נֵיין און דְרַייְסִיק.

**On the surface,** the inference **is problematic. True,** a *ches* and a *hei* are both enunciated through the same organ of speech, and **letters from the same organ of speech are interchanged** at times in *gematria*. **Nevertheless,** here, we are speaking about numerical equivalents. **How can a *hei* be considered as the same as a *ches* when taking into account numerical equivalence?**

אִין פְּלוּג אִיז דָאךְ קָשֶׁה, אֱמֶת טַאקֶע אַז דִי אוֹתִיּוֹת פוּן זֶעלְבְּן מוֹצָא פַארְבַּייְטְן זִיךְ, אָבֶּער ווִי דַּרְשְׁ'נְט מֶען דֶעם הֵ"א פַאר אַ חֵי"ת אִין אַן עִנְיָן פוּן מִסְפָּר?

**The concept** can be explained as follows: The word *melachah* is used in connection with the creation of the world,[27] *Shabbos,*[28] and the Sanctuary.[29] **From the perspective of their creation,** i.e., **the manner in which they came into existence, the 39 labors of the world,** i.e., man's actions, **are identified with a *ches*. However, through the Divine service associated with *eleh hadevarim,*** the construction of **the Sanctuary and** *Shabbos,* even a person's conduct during the week is elevated. As reflected by the passive form of the verse, **"Six days work shall be performed"** – the work is being performed **as a matter of course,** without man being overly absorbed in it. [30] Thus, **these labors are transformed** and identified with **a *hei,*** a letter of holiness. **Accordingly, when the verse speaks about *eleh hadevarim,*** i.e., **the 39 labors as they are associated with** the construction of **the Sanctuary, *eleh* is written with a *hei*.** The reason is that **through** man's **Divine**

נָאר דֶער עִנְיָן אִיז: דִי ל"ט מְלָאכוֹת פוּן וועֶלְט, אִיז מִצַּד זֵייעֶר בְּרִיאָה און הִתְהַווּת זַיְינֶען זֵיי אַן עִנְיָן פוּן חֵי"ת, כַּנַּ"ל. נָאר דוּרְךְ דֶער עֲבוֹדָה פוּן אֵלֶּה הַדְּבָרִים - מְלָאכוֹת הַמִּשְׁכָּן - שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה (בְּדֶרֶךְ מִמֵּילָא)[יח] מְלָאכָה גו' מַאכְט מֶען פוּן זֵיי אַ הֵ"א. דֶערְפַאר אִיז אִין פָּסוּק וואוּ עֶר רֶעדט ווֶעגְן דֶער עֲבוֹדָה פוּן אֵלֶּה הַדְּבָרִים - ל"ט מְלָאכוֹת ווִי זֵיי זַיְינֶען גֶעוועֶן אִין מִשְׁכָּן - זָאגְט עֶר אֵלֶּה מִיט אַ הֵ"א,

24. See *Likkutei Torah, Devarim,* p. 61a, 63d.

**25.** *Talmud Yerushalmi, **Shabbos*** 7:2.

26. *Shmos* 35:1, the beginning of one of the passages that forbids the performance of labor on *Shabbos.* That passage continues describing the construction of the Sanctuary.

27. *Bereishis* 2:2-3.

28. *Shmos* 35:2, *et al.*

29. Ibid. 35:29, 35, *et al.*

**30. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 187ff.**

**service,** these labors **are transformed** from a *ches* **into a *hei.*** In other words, instead of the self-oriented activities associated with a *ches,* as alluded to by the *hei,* the person's actions are holy, constructing a sanctuary for G-d.

**וַוײַל דוּרְךְ עֲבוֹדָה, מַאכְט מֶען פוּן זֵיי אַ הֵ"א.**

(משיחת ש"פ ויק"פ, תשי"ב)

---

ו) אורח חיים סימן תעה.
ז) אורח חיים סימן תנד.
ח) זע מנחות כט, ב.
ט) זע קידושין מט, ב.
י) ראה בכל זה בקונטרס ומעין מאמר טו, טז. ד"ה לך לך תש"ב.
יא) בבא בתרא ט, א. ירושלמי פאה (פ"א ה"א). זע תניא פרק לז.
יב) בבא בתרא י, א.
יג) סוכה נב, ב.
יד) פרק ל.
טו) משלי י, יב.
טז) יומא לו, ב.
יז) שבת פ"ז ה"ב.
יח) זע לקו"ש ח"א עמוד 187.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie